# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א – בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל – בני ברק

שם ______________________

## עס איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה

### פַּרְשַׁת וָאֵרָא



## מער פון אלע געלד און זילבער

בעזהשי"ת

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת

# וָאֵרָא

(טֵייעֶרֶע יוּנְגֶל, גֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער)

**וֶוער הָאט גֶעשְׁלָאגְן דִי וַואסֶער בֵּיי דִי מַכֶּה פוּן דָם אוּן צְפַרְדֵעַ ?**

מִרְיָם

מֹשֶׁה

אַהֲרֹן

**פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן דִי וַואסֶער ?**

וַוייל מְ'הָאט אִים בַּאהַאלְטְן אִין דִי וַואסֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין

וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט

וַוייל עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט וַואסֶער

**וֶוער הָאט גֶעשְׁלָאגְן דִי עֶרְד בֵּיי דִי מַכֶּה פוּן כִּינִים ?**

מֹשֶׁה

אַהֲרֹן

דָוִד הַמֶלֶךְ

## פַארְוָואס הָאט מֹשֶה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן דִי עֶרְד ?

וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין כֹּח

וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁמוּצִיג וֶוערְן פוּן דִי זַאמְט

וֵוייל עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן אִין דִי עֶרְד דֶעם מִצְרִי וָואס עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט

## ווִיפִיל צֵייט אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶע מַכָּה ?

אַ טָאג

אַ חוֹדֶש

אַ יָאהְר

## פַארְוָואס אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן דִי טֵייךְ נִילוּס ?

וֵוייל דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי טֵייךְ נִילוּס פַאר אַ גֶעטְשְׁקֶע

וֵוייל דִי טֵייךְ אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אַקֶעגְן פַּרְעֹה

וֵוייל דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט נֶעבְּן דִי נִילוּס

## ווָאוּ זֶענֶען אַרֵיין גֶעגַאנְגֶען דִי פְּרֶעשׁ ?

נָאר אִין דִי שַׁאפֶּעס

אַפִּילוּ אִין דִי הֵייסֶע אוֹיוֶוענֶעס

נָאר אִין דִי גַאס

# לֵייְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵייְן

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

דֶער אֵייבִּישְׁטֶער שִׁיקְט מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן צוּ פַּרְעֹה אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן לַאנְד מִצְרַיִם, פַּרְעֹה וִויל נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, שִׁיקְט אִים דֶער אֵייבִּישְׁטֶער צֶען מַכּוֹת:

1) דִי עֶרְשְׁטֶע מַכֶּה אִיז דָם - בְּלוּט אַלֶע וַואסֶער פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ טְרִינְקֶען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בָּאדְן.

2) דִי צְוֵוייטֶע מַכֶּה אִיז צְפַרְדֵעַ - פְרֶעשׁ, סְ'אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי טֵייךְ אֵיין גְרוֹיסֶע פְרָאשׁ, אוּן וִוי מֶער מְ'הָאט עֶס גֶעשְׁלָאגְן, אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען נָאךְ מֶער פְרֶעשׁ, אוּן דִי פְרֶעשׁ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם.

3) דִי דְרִיטֶע מַכֶּה אִיז כִּינִים - לֵייז, דִי מִצְרִיִים מִיט פַּרְעֹה הָאבְּן זִיךְ אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעקְרַאצְט.

# לֵיינֶען אוּן פַאַרְשְׁטֵיין

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

4) דִי פֶערְטֶע מַכֶּה אִיז עָרוֹב - אַ פַאַרְמִישׁוּנְג פוּן
וִוילְדֶע חַיּוֹת, וֶוען סְ'זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן
אִין גַאס מִיט מִצְרִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן דִי חַיּוֹת
גֶעבִּיסְן נָאר פַאר דִי מִצְרִישֶׁע קִינְדֶער.

5) דִי פִינֶעפְטֶע מַכֶּה אִיז דֶבֶר - אַ מָארְד, אַלֶע
בְּהֵמוֹת פוּן דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן.

6) דִי זֶעקְסְטֶע מַכֶּה אִיז שְׁחִין-בְּלָאטֶערְלֶעךְ.

7) דִי זִיבֶּעטֶע מַכֶּה אִיז בָּרָד - הָאגְל, סְ'הָאט
גֶעהָאגְלְט פַייֶער מִיט וַואסֶער צוּזַאמֶען, דִי
וַואסֶער מִיט דִי פַייֶער וָואס אֵייבִּיג קֶענֶען זֵיי
נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען, זֶענֶען יֶעצְט יָא גֶעוֶוען
צוּזַאמֶען.

דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי מַכּוֹת וֶועט מֶען לֶערְנֶען דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ בְּעֶזְרַת ה'.

# מאַך אַ סימָן בַּיי יֶעדֶע זאַך:

אויב ס'איז ריכְטִיג אָדֶער נִישְׁט ריכְטִיג

בַּיי מַכַּת דָם אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט נָאר דִי וַואסֶער פוּן נִילוּס

❑ ריכְטִיג

❑ נִישְׁט ריכְטִיג

פַאר דִי אִידְן אִיז אוֹיך גֶעוֶוען דִי מַכּוֹת

❑ ריכְטִיג

❑ נִישְׁט ריכְטִיג

אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען מֶער גְרֶעסֶער פוּן מֹשֶׁה

❑ ריכְטִיג

❑ נִישְׁט ריכְטִיג

בַּיי מַכַּת צְפַרְדֵעַ אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי טַייך אַסאַך פְרֶעשׁ

❑ ריכְטִיג

❑ נִישְׁט ריכְטִיג

פַּרְעֹה הָאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט דִי אִידְן נָאך וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי דְרִיטֶע מַכָּה

❑ ריכְטִיג

❑ נִישְׁט ריכְטִיג

# עֶס אִיז דָא צוּשְׁפְּרֵייט אוֹתִיוֹת
# טְרֶעף אוֹיס דִי וֶוערְטֶער:

- ☐ שְׁמוֹת
- ☐ וָאֵרָא
- ☐ שׁוֹבָבִים
- ☐ פַּרְעֹה
- ☐ עֶשֶׂר מַכּוֹת
- ☐ דָם
- ☐ צְפַרְדֵעַ
- ☐ כִּנִים
- ☐ עָרוֹב
- ☐ דֶבֶר
- ☐ שְׁחִין
- ☐ בָּרָד

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| שְׁ | שְׁ | שׁ | עָ | דֶ | כִּ | דָ |
| מ | חִ | וֹ | ר | בֶ | י | ם |
| וֹ | י | בָ | וֹ | ר | נִ | צְ |
| ת | ן | בִ | ב | בָּ | י | פַ |
| וָ | ד | י | י | רָ | ם | רְ |
| אֵ | קָ | ם | א | ד | מִ | דֵ |
| רָ | י | טֶ | ע | פ | וּ | עַ |
| א | וּ | ן | חֵ | י | דֶ | ר |
| עֶ | שֶׂ | ר | מַ | כ | וֹ | ת |

# צוּ אַ פַּאס

## צוּ זַיין טַייטְשׁ

| | |
|---|---|
| וָאֵרָא | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק רַאטֶעוֶועןן |
| לֹא נוֹדַעְתִּי | דִי גֶעשְׂרֵיי |
| הֲקִמֹתִי | אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאוְויזְן |
| אֶת נַאֲקַת | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אוֹיסְלֵייזְן |
| וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אַרֵיין בְּרֶענְגֶען |
| וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק נֶעמֶען |
| וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אַרוֹיס נֶעמֶען |
| וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם | הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט |
| וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם | בִּין אִיךְ נִישְׁט בַּאקֶענְט גֶעוָוארְן |